בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"ט

יו"ל: כ"ג חשון ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


פאר'מח'ט מיטן לאנגן טלית קטן...

איינער דאוונט לאנג, און איינער שנעל

אַריינטאַנצן מיטן פאַרשמאָלצענעם אַרבל

זיך פאָרען מיט די 'נשמות החיים'

געקענט מאכן בעסער...

אראפגעלייגט א דאווענען!

גע'חלש'ט אינמיטן די זמירות...

פארגעסן אז ער האט נאך נישט אויף יום-טוב...

דער אויבערשטער פירט היינט דער וועלט שענער!

א פראסטיגע נאכט ביים רבי'ן אויפן ציון

מנהגי שובבי"ם

המנהג כשנכנס לגיל העשרים

מתוך מיעוט עוונות

מנהגי ניטל



ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

#2.1.2.1.1 ואח"כ #109


מכון טעם וזקנים שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של

**$15**

יכולין להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# שיחה פרשת שמות (ח"ב)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 125#)

## פאר'מח'ט מיטן לאנגן טלית קטן...

ר' מרדכי באבריניצער[א] האט מיר דערציילט, אז ר' הערץ[ב] האט אים געזאגט, אז ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל איז געווען דארטן זייער הייס. האט ער געזעהן גלייך ווי ער איז אנגעקומען אין טבריא, ר' נתן ר' לייבלע ראובן'ס[ג], ווי ער איז געזעצן אינדרויסן, מיטן לאנגן טלית קטן דארטן, און ער איז געווען פאר'מח'ט. ר' הערץ איז געווען א מבין וואס הייסט האבן ישוב הדעת, א דביקות - ער איז געווען א גדול. האט ער איבערגע'חזר'ט פאר אונזערע לייט ווען ער איז געקומען פון ארץ ישראל ווי אזוי ער האט אים געטראפן זיצן מיט א מין ישוב הדעת, מיט א מין דביקות!

עס איז דא די אסאך מכתבים פון דעם ר' נתן ר' לייבלע ראובן'ס[ד].

---

[א] עי' אודותיו בטעם זקנים קונטרס ק"ה.

[ב] רבי נפתלי הירץ שטערנהארץ, בנו של ר' שכנא בן מוהרנ"ת ז"ל, וחתנו של ר' נחמן הרב מטשעהרין ז"ל, ואביו של רבי אברהם סופר-שטערנהארץ ז"ל. נולד בשנת תר"ג, ונפטר בשנת תרע"ג. עי' אודותיו בשיש"ק (חדש) ח"ב, אותיות תקפ"ו-תקצ"א.

[ג] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת. עלה לא"י והתיישב בטבריא.

[ד] יו"ל ע"י הרה"ח ר' נתן צבי קעניג ז"ל תחת שם "נתיב צדיק", ולאחרונה בשם "מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה" ע"י קרן ר' ישראל דוב אודסר זצ"ל.

**אז דער אויבערשטער העלפט האט מען ישוב הדעת צום אויבערשטן, אט דאס איז דאך דער עיקר, דאס איז דער עיקר פארמעג, אט דאס האט ער אפגעשפאָרט אין דער וועלט! די גאנצע מצוות ומעשים טובים וואס ער כאפט ארויס, איז, ער זאל האבן א ישוב הדעת!**

(השואל: וועלכער יאר איז ר' הערץ געווען דא אין ארץ ישראל?) **איך ווייס נישט; ער איז געווען אין די יארן וואס ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס האט נאך געלעבט.** (ר' נחמן בורשטיין: אין די למד'ן אדער מם'ען[ה]).

**מיר רעדן דאך דא א זאך, וואס אונזערער א איד - אַן ערליכער איד וואס האט גע'שמ'ט, איז נתפעל געווארן פון דעם ישוב הדעת. ער האט געטראפן זיצן א אידן אין ארץ ישראל פון אונזערע לייט, אינדרויסן, אין דעם זומער, אין דער היץ - און איז געזעצן מיט א ישוב הדעת, מיט א דביקות, דאס איז דער עיקר! אז דער אויבערשטער העלפט, האט מען אט דעם פארמעג - א מח מיט ישוב הדעת!**

(השואל: ר' הערץ?) **ר' הערץ – ר' אברהם סופר'ס** (- שטערנהארץ) **פאטער, ר' שכנא'ס זוהן. ער איז געווען א גדול, שארף געווען זייער.**

(ר' נחמן: ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס האט אסאך משמש געווען רבי נתן'ען!) **יא, ער איז געווען פון די וואס האבן געגעבן א פלייצע[ו]** (בעת המחלוקת).

❖

---

[ה] עי' במכתביו שמתחיל בשנות הלמ"ד ונפטר כ"ו אדר תרמ"ד.

[ו] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שכ"ד.

# איינער דאוונט לאנג, און איינער שנעל

(ר' שמואל קירשנבוים: וואו איז דאס ענין וועגן איינער איז מאריך ביים דאווענען, איינער איז מקצר?)

רבי נתן רעדט דאס אין אַן הלכה אין "נזקי שכנים"[ז]: "הרבה יראים" האבן געדאוונט שטיל, "הרבה יראים" האבן געדאוונט באריכות, "הרבה יראים" האבן געדאוונט בקצרה - קעגן (דעם ענין) פון 'נזקי שכנים' און 'היזק רְאיה' - אז איינער זאל נישט קוקן אויפן אנדערן. ער זאל נישט ארויסווייזן - אז דער טוהט נישט אזוי ווי איך, טויג נישט! נאר יעדער איינער זאל זיך ציען צו זיין (זאך).

נאר וואס דען, ער בעט דעם אויבערשטן אז וואס ער טוהט זאל זיין מיט אַן אמת. אז איינער דאוונט העכער, דארף איך זיך נישט מישן צו אים; און אז איינער דאוונט נידריגער דארף איך זיך אויך נישט מישן צו אים. איינער איז מאריך, איינער איז מקצר - יעדער איינער דארף בעטן דעם אויבערשטן מען זאל זיך נישט לאזן נארן, נאר מען זאל גיין בדרך האמת.

❖

[ז] עי' הל' נזקי שכנים ה"ה, אות ב': "כִּי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כְּפִי שָׁרְשׁוֹ מִשִּׁבְטוֹ שֶׁמִּשָּׁם נֹסַח וְסֵדֶר תְּפִלָּתוֹ וּכְפִי מַעֲשָׂיו כֵּן הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ. וּמִזֶּה נִמְשָׁכִים רִבּוּיֵי הַשִּׁנּוּיִים שֶׁבֵּין אֶחָד לַחֲבֵרוֹ אֲפִלּוּ הַכְּשֵׁרִים וְהַיְשָׁרִים, **כִּי זֶה מִתְפַּלֵּל בַּאֲרִכָּה וְזֶה בִּמְהִירוּת זֶה בְּקוֹל רָם וְזֶה בְּקוֹל נָמוּךְ** וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שִׁנּוּיִים בְּעִנְיַן תְּפִלָּתָם וַעֲבוֹדָתָם לְאֵין מִסְפָּר אַף עַל פִּי שֶׁשְּׁנֵיהֶם כַּוָּנָתָם רְצוּיָה בֶּאֱמֶת". גם עי' הל' שומר שכר ה"ב, אות י': "וּמִיּוֹם בְּרִיאַת הָעוֹלָם **לֹא הָיוּ עֲדַיִן שְׁנֵי צַדִּיקִים וּכְשֵׁרִים אֲמִתִּיִּים שָׁוִים לְגַמְרֵי בְּכָל תְּנוּעוֹתֵיהֶם אַף עַל פִּי שֶׁשְּׁנֵיהֶם הוֹלְכִים בְּדֶרֶךְ אֶחָד וְיוֹנְקִים מֵרַב אֶחָד**, אַף עַל פִּי כֵן יֵשׁ חִלּוּקִים רַבִּים בְּדַרְכֵיהֶם וְהַנְהָגוֹתֵיהֶם וּכְמוֹ שֶׁהֶאֱרִיךְ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְסַפֵּר וּלְהַפְלִיג בְּגֹדֶל הַחִלּוּקִים בֵּין הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים שֶׁהָיוּ סְמוּכִים לִזְמַנֵּנוּ שֶׁכֻּלָּם הֵם מִתַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב וְהַמַּגִּיד זְצוּקַ"ל וְהָיָה שָׁלוֹם גָּדוֹל בֵּינֵיהֶם וְאַף עַל פִּי כֵן הָיוּ מְחֻלָּקִים מְאֹד בְּדַרְכֵיהֶם שֶׁזֶּה הָיָה נוֹסֵעַ עַל הַמְּדִינָה וְדָרַשׁ בָּרַבִּים וְזֶה יָשַׁב בְּבֵיתוֹ, **זֶה הֶאֱרִיךְ מְאֹד בַּתְּפִלָּה וְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַתֵּבָה בִּצְעָקוֹת וְהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְזֶה הִתְפַּלֵּל בְּלַחַשׁ עִם הַצִּבּוּר כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן**, וְזֶה הִרְבָּה בַּתּוֹרָה יוֹתֵר וְזֶה הִרְבָּה בִּצְדָקוֹת וּפִדְיוֹן שְׁבוּיִים, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שִׁנּוּיִים רַבִּים לְאֵין מִסְפָּר אַף עַל פִּי שֶׁכֻּלָּם יָנְקוּ מֵרַב אֶחָד, כִּי אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם שָׁוִין, כִּי כָּל אֶחָד עוֹבֵד אֶת ה' כְּפִי מִדָּתוֹ וּכְפִי שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ. וְזֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיֵּשׁ לוֹ צַדִּיקִים וּכְשֵׁרִים הַרְבֵּה בָּעוֹלָם שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד עוֹשֶׂה לוֹ נַחַת רוּחַ וְתַעֲנוּג וְשַׁעֲשׁוּעַ מְיֻחָד מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ".

# אַריינטאַנצן מיטן פאַרשמאָלצענעם אַרבל

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: עס איז דא א מעשה מיט רבי גדלי' ליניצער[ח]?) **יא יא[ט]: רבי נתן האט געשריגן** (ביים דאווענען)**, האט ער אים געזאגט - 'פארוואס ער שרייט',** (חז"ל זאגן דאך:) **'המגביה קולו בתפילתו הרי זה מקטני אמנה'[י]! [יא] נישט נאר אויף רבי נתן'ען, נאך מענטשן איז דעמאלט געווען. רבי נתן האט א זאג געגעבן** (לאנ"ש אח"כ) **[- אים האט ער נישט אזוי געזאגט** (- פאר אים האט ער געשוויגן)**]: "זיי גלייבן זיך צום רבי'ן? ביים רבי'ן איז געווען 'שמן בחשאי'[יב]; זאל מען זיך איינרייסן די קיילע** (- הקול) **ביים דאווענען אזוי ווי איך רייס זיך איין!"[יג]**

---

[ח] מגדולי תלמידי המגיד. עי' שיחות הר"ן אות קל"ב שרבינו רימז עליו הספד בליקוטי מוהר"ן סי' י"ד, עיי"ש.

[ט] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, ק"ט: "בפעם אחרת היה מעשה שמוהרנ"ת הזדמן לעיר ליניץ, והיה אז עם כמה מאנ"ש אצל הצדיק רבי גדליה זצ"ל, והתפללו כדרכם בכוחות ובצעקות, ופנה אז רבי גדליה זצ"ל למוהרנ"ת" ואז וכו' עיי"ש.

[י] ברכות כד:

[יא] ענין זה כבר נו"נ בשו"ת "בית שערים" סי' מ', ושם בא"ד: "והגם שמג"א בסי' ק"א סק"ג הביא שהאר"י לא הי' משמיע קולו אפי' בזמירות, רק בשבת הרים קולו מעט, יפה כתב כ"מ **שאין לדמות שאר בנ"א להאר"י החי שהוא הי' יכול לכוין גם בלחש אבל אנן יתמי דיתמי ודאי צריכי' קול רם לעורר הכונה והלואי שיועיל...**"; ובשו"ת "אמרי אש" סי' ג'; גם עי' "אליה רבה" סי' ק"א סק"ג, מ"ש בזה, וז"ל: "'ולא ישמיע קולו' וכו' - דהוי מקטני אמנה, גם למדו מתפילת חנה, ועיין באליהו זוטא מזה. ועוד כתבתי בשם מלבושי יום טוב כל זה בתפילת שמונה עשרה בלחש. אבל נוהגין בכל אלו הארצות בפיוטים וכיוצא בהן שמגביהין קולם **וצועקים** בקול רם עד שהנכרים מלעיגין על זה. **ונצטערתי מימי לדעת מאין בא זה המנהג** כי מנהגן של ישראל תורה היא, עד שהאיר ה' את עיני וראיתי דרמב"ן סוף פרשת בא שכתב בזה הלשון "וכוונת רוממת הקולות בתפילות וכו' כמו שאמרו חז"ל **ויקראו אל האלקים בחזקה** - מכאן אתה למד שתפילה צריכה קול" ע"כ", ע"כ לשון האליה רבה; גם עי' ספה"ק "פרי צדיק" פר' ואתחנן, אות ב'.

[יב] רבינו התפלל בשֶׁקֶט (שיש"ק שם).

[יג] עי' שיחות הר"ן קי"ז: "מענין הספינה (וכו', עי"ש בפנים) ...והיה רגיל לספר זאת ורצה להכניס בלבנו שכך צריך כל אחד ואחד לצעוק להשם יתברך ולשא לבו אליו יתברך כאילו הוא באמצע הים תלוי על

(ר' חיים שלמה: ער האט נישט געזאגט: 'איך האלט פון די חסידים מיטן פארשמאלצענעם ארבל?') אים האט דער רבי געזאגט (להרב רבי גדליה, בפעם אחרת)[יד]: **"איך האלט פון די אמאליגע חסידים וואס זענען אריין אין גן עדן מיטן געשמאָלצוועטע ארבל".**

(השואל: וואס איז דער פשט פון דעם?) **'געשמאלצוועטע ארבל' - עס איז א לשון אזוי. על-פי-רוב, די וואס זיי דאווענען שטיל, דאווענען מיושב אזוי - מיט א נייעם חומש, מיט א נייעם טלית, מיט א נייעם חק, א שיינע שטוב, ער זעצט זיך אוועק און שאקלט זיך און דאוונט זיך אזוי פיין... און עס איז פארהאנען אמאל אזוי, אז איינער גיט א שפרינג אריין אזוי מיט** (א פארשמאלצוועטע ארבל).

(ר' שמואל: איינער שאקלט זיך, און איינער שטייט גלייך ביי שמונה עשרה!) **עס שטייט אין זוהר הקדוש[טו], אז א איד שאקלט זיך אזוי ווי א ליכט; א איד מוז זיך שאקלען!**

❖

## זיך פאָרען מיט די 'נשמות החיים'

דער אמת איז, מיר האבן נישט וואס צו רעדן פון קיין אנדערע, מיר דארפן רעדן פונעם רבי'ן, פונעם רבי'נס עצות, דאס דארפן מיר רעדן. ביים רבי'ן אליין איז געווען תלמידים וואס איינער איז נישט געווען גלייך צום צווייטן: רבי יודל איז געווען אַן ענין אחר לגמרי; און רבי שמואל אייזיק איז געווען גאר אַן ענין אחר לגמרי; און רבי

חוט השערה, והרוח סערה סוער עד לב השמים עד שאין יודעין מה לעשות וכמעט אין פנאי אפילו לצעוק. אבל באמת בודאי אין לו עצה ומנוס כי אם לישא עיניו ולבו להשם יתברך. וכך צריכין בכל עת להתבודד ולצעוק להשם יתברך. כי האדם בסכנה גדולה בזה העולם כאשר יודע כל אחד בנפשו והבן הדברים היטב".

[יד] עי' שיש"ק, שם, אות ק"ח: "אחר הפסח (תקס"ג) נסע מוהרנ"ת יחד עם רבינו לביתו של רבינו בברסלב, ובדרך היו אצל הרב רבי גדליה מליניץ, והתפללו שם אנ"ש בקום רם, ובפרט מוהרנ"ת. שאל רבי גדליה זצ"ל את רבינו: "הלא כשנכנסין להיכל המלך נכנסין בקול דממה דקה, ומדוע מרעישים אנשיו כל כך בתפילתם?"; השיב לו רביז"ל: **"איך האלט פון אמאליגע חסידים וואס זיי זענען אריינגעשפרונגען מיט דעם פארשמאלצוועטע ארבל אין גן עדן אריין!"**

[טו] פנחס דף רי"ט ע"א.

**נתן מיט רבי נפתלי'ן דאס איז געווען גאר (אַן ענין אחר) - יעדער איינער איז געווען א באזונדערע וועלט. און דאס איז אלץ געגאנגען פון איין שורש, זיי האבן געזויגן פון איין בוים, פון איין שורש - און עס איז ארויסגעקומען פארשידענע צווייגן!**

**אבער פונדעסטוועגן, ביים רבי'ן איז געווען - אז למשל, רבי שמואל אייזיק איז געווען טאקע רבי שמואל אייזיק, אבער ער איז נישט געווען קיין כלל מענטש וואס די השארה פונעם רבי'ן זאל בלייבן ביי אים. ער איז געווען א צדיק, א געוואלדיגער מענטש, דער רבי האט אים איבערגעגעבן 'תיקון הנשמות', ער האט זיך געפארעט מיט די נשמות המתים[טז]. "אין הימל פרעגט מען זיך אויף אָן אין אים ווער עס זאל זיין קייסער"[יז] (- האט דער רבי געזאגט אויף אים!) - ער איז געווען א הימל מענטש און מטייל געווען אין די היכלות פון גן עדן. אבער דא אין דעם עולם - זיך פאָרען מיט 'נשמות החיים' און מחזק זיין - דאס איז געווען רבי נתן! דאס האט דער רבי איבערגעגעבן רבי נתן'ען![יח]**

---

[טז] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות קע"ו.

[יז] עי' שיש"ק ח"ה, אות נ"א: "כל כך קשור ודבוק היה רבי שמואל אייזיק ז"ל ברבינו, שפעם בנסעו עם חבריו לרבינו לברסלב והגיעה העגלה לעיר לא יכול היה יותר להבליג ולהתמהמה עד שיסתדר העגלון עם עגלתו להגיע לבית רבינו ממש, וקפץ מהעגלה תיכף בכניסתו לעיר ורץ רגלי לבית רבינו. לרוב ריצתו המהירה כשנכנס לבית רבינו נפל מתעלף לרגלי רבינו שישב אז ודיבר לפני אנשי שלומנו דברי תורה. ומחמת כבוד ודרך ארץ מפני רבינו חפצו אנ"ש להקימו. והנה באותו עת היתה מריבה בממשלת הצאר בין שני אחים שלחמו ביניהם על ירושת הכתר. אחד מהאחים היה קנאי דתי ואחד חפשי, והיתה סכנה ליהדות אם יעלה החפשי לשלטון. נענה להם רבינו: "**טשעפעט אים נישט, ביי זיין אַנפּאָלאַנקע** (- ארעמען וועסטל) **פרעגט מען זעך אויך אן אין הימל ווער עס זאל זיין קייסער!**" כאומר כל כך שגבה מעלתו של רבי שמואל אייזיק עד שגם בו תלויה ההכרעה מי יהיה נעשה למלך".

[יח] עי' פרפראות לחכמה על תורה ו', אות ט"ו: "ושמעתי מאבי ז"ל ששמע מזקני תלמידיו הקדושים של רבינו ז"ל, שהבינו אז מרמיזותיו הקדושים של רבינו ז"ל שבמאמר זה ("כי מרחמם ינהגם" בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז') נתן סמיכה לתלמידו הקדוש הר"ר נתן ז"ל. **ובאמת רוב שיחותיו הקדושות של הר"ר נתן ז"ל היה בענין זה לחזק את כל אחד מישראל בהתחזקות גדול נפלא ונורא מאוד לבלי יתייאש עצמו חס ושלום לגמרי רק שאיך שהוא אף על פי כן יתעורר ויתחזק מעתה על כל פנים לעבודת השם יתברך ממקום שהוא שם** וכו', וכמבואר מזה נפלאות הרבה בספריו הקדושים!". גם עיי"ש על תורה ז' תניינא,

**און דאס איז אונזער זאך פון רבי נתן'ען; אז מיר רעדן פון רבי נתן'ס מכתבים איז דא וואס צו רעדן, עס איז דא וואס צו קוקן, עס איז דא וואס צו זעהן - און מען זעהט וואס עס טוהט אויף! אז מיר רעדן פון רבי נתן'ען - די 'הלכות' צו די 'תפילות' - וואס ער האט ארויסגעגעבן, איז עס א כלל, עס איז א כלל פאר אלעמען!**

**די** (ליקוטי) **תפילות - די תפילות איז פאר אלעמען! כאטש עס איז דא תפילות וואס ער 'דערלאנגט' אויך אמאל גוט אין די תפילות - תפילה כ"ב, תפילה י"ט - ער דערלאנגט אזוי ווי מען דארף - גוט... אבער עס איז 'מלא התחזקות'! אינמיטן גיט ער אים א 'כאפ' און א 'שטארק', ער לאזט אים נישט אפ! און אזוי אויך אין די "מכתבים"** (- עלים לתרופה) **- ער דערלאנגט גוט אין די מכתבים און אין די ליקוטי הלכות'ער - אבער ער דערלאנגט... ער גיט אים א ווארעם אוים - אבער שוין** (איז ער אים מחזק)**, ער איז שוין אין דער וועלט!**

**עס איז אַן אנדער** (כח)**! בכח פון דעם רבי'ן האט ער אזוי גוט געמאכט! ממילא האבן מיר וואס צו רעדן פון די הייליגע ספרים, דאס איז אונזערע עצות; וואס מיר רעדן דא א שמועס - אט דאס איז די עצות, און מען קען דאס אויספירן!**

**א מענטש וועט זיך אויסמאלן, ער וויל א מין שטוב - אבער נאך דעם דארף ער די 'חומר ולבנים'. אז איך וועל וועלן מאכן א שטוב און איך האב נישט קיין חומר ולבנים, האב איך דאך גארנישט וואס צו מאכן. געווענטליך, וואספארא שטוב איך וויל - דארף איך נעמען** (בוי מאטריאל) **און בויען[יט].**

---

**אות כ"ו, בא"ד: "...כמו שראינו בעינינו שכן היה שכל עיקר קיום השארתו הקדושה של רבינו ז"ל לנצח היה רובו ככולו כמעט רק על ידי הר"ר נתן ז"ל כידוע!".**

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' י"ח, אות א': "דַּע, כִּי לְכָל דָּבָר יֵשׁ תַּכְלִית, וְלַתַּכְלִית יֵשׁ עוֹד תַּכְלִית אַחֵר, גָּבֹהַּ מֵעַל גָּבֹהַּ. לְמָשָׁל: תַּכְלִית בִּנְיַן הַבַּיִת כְּדֵי שֶׁיְּהֵא לָאָדָם מָקוֹם לָנוּחַ, וְתַכְלִית הַמְּנוּחָה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל בַּכֹּחַ הַזֶּה לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם, וְתַכְלִית הָעֲבוֹדָה וְכוּ'. וְתַכְלִית שֶׁל כָּל דָּבָר הוּא מְחֻבָּר לְהַמַּחֲשָׁבָה וְהַשֵּׂכֶל, יוֹתֵר מֵהַדָּבָר שֶׁזֶּה הַתַּכְלִית בָּא מִמֶּנּוּ, וְקָרוֹב הַתַּכְלִית לְהַמַּחֲשָׁבָה בְּקֵרוּב יוֹתֵר מֵהַדָּבָר, כִּי סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה; נִמְצָא שֶׁהַסּוֹף וְהַתַּכְלִית הוּא תְּחִלָּה בַּמַּחֲשָׁבָה וְקָרוֹב לָהּ, וּמֵהַתַּכְלִית נִשְׁתַּלְשֵׁל הַמַּעֲשֶׂה. **לְמָשָׁל:**

דער רבי האט נישט געזאגט קיין זאך - און ער זאל נישט זאגן אַן עצה דערצו: "ולבא לזה" "ולבא לזה" "ולבא לזה". 'ברוך השם' אז וואס מען רעדט אמאל פונעם רבי'ן איז צוגעגרייט די 'חומר ולבנים' אויסצופירן דער זאך. ברוך השם, מיר האבן די עצות דערצו. איי, מיר נוצן זיי נישט? מיר זענען שלימזל'ניקעס! מען איז אונז נאר מודיע אז מיר קענען זיך (שטארקן)!

איינער אז ער וויל גיין אין א מלחמה אריין, אויב ער פילט זיך שוואך אז ער וועט נישט כובש זיין, גייט ער נישט אין דער מלחמה אריין ווייל ער ווייסט אז ער וועט נישט קענען כובש זיין. ביים רבי'ן - אז מען רעדט א זאך, קענסטו גיין אין מלחמה אריין, דו קענסט אויך כובש זיין, דו קענסט זיך פאַרנעמען א גוטע זאך – 'אזוי זיך פירן, אזוי זיך פירן'; מיט תפילה קענסטו אריינגיין אין מלחמה און כובש זיין דער מלחמה און איינעמען![כ] ממילא אז מיר רעדן א זאך פונעם רבי'ן, רעדן מיר נישט אין דער לופטן, נאר מיר רעדן א זאך וואס 'ברוך השם' מיר האבן די עצות - און מיר קענען קומען דערצו, איז מען טאקע מחויב צו רעדן.

אזא מין רבי'ן – 'וואס' ער האט גערעדט האט ער צוגעגרייט די געצייג! אַן אנדערער - א בעל מלאכה קויפט געצייג; א בעל מלאכה מאכט (דען) א האק? ער מאכט א האמער? ער מאכט א זעג? דאס קויפט ער דאך! דער רבי גרייט צו די געצייג אויך![כא]

---

**כְּשֶׁעוֹלֶה בְּמַחֲשָׁבָה לִבְנוֹת לוֹ בַּיִת, בְּוַדַּאי הַבַּיִת אֵינוֹ נִבְנֶה בְּבַת אַחַת, אֶלָּא צָרִיךְ לְהָכִין עֵצִים, וּלְסַתֵּת וְלִבְנוֹת כָּל עֵץ וָעֵץ לְפִי צָרְכּוֹ, וְאַחַר כָּךְ נִבְנֶה וְנִשְׁלַם הַבַּיִת.** נִמְצָא שְׁלֵמוּת הַבַּיִת, שֶׁהִיא תַּכְלִית הַבִּנְיָן וְסוֹפוֹ, הָיָה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה. נִמְצָא שֶׁהַתַּכְלִית הוּא קָרוֹב לַמַּחֲשָׁבָה בְּיוֹתֵר מֵהַתְחָלַת הַמַּעֲשֶׂה".

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ב': "כִּי עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מ"ח): "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", וּמִשָּׁם עִקַּר חִיּוּתוֹ. **וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ הַכֹּל מִשָּׁם!**".

[כא] עי' חיי מוהר"ן אות שי"א: "אָמַר אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כֵּלִים נִפְלָאִים מְאֹד רַק הַחִסָּרוֹן שֶׁאֲנִי בְּעַצְמִי מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת בְּעַצְמִי אֶת הַכְּלֵי אֻמָּנוּת שֶׁקּוֹרִין גִּיצַייג". גם עי' ליקוטי הלכות הל' תפילת ערבית ה"ד, אות ל"ד, עיי"ש.

יעדער בעל מלאכה האט זיך זיין געצייג - א סטאָלער האט זיך דארטן זיין כלי אומנות. למשל, אַן אומן אז ער דארף האבן 'די' כלים – איז 'די' כלים דארף ער קויפן. א פארבער - קויפט ער פארב און ער קויפט א קעסל אויף צו פארבן די אלע מיני זאכענישן. דער אומן דארף נאר אויספירן - אבער די געצייג אליין מוז ער נעמען פון אַן אנדער פלאץ. ביים רבי'ן, די געצייג אליין וואס דו דארפסט איז אויך דא 'דא'. (סיי) דאס אומנות וואס וועט זיין - און די געצייג האסטו אויך. ממש א שולחן ערוך האסטו גרייט צום טיש, דו האסט אלעס - נעם, נעם, נעם!

❖

## געקענט מאכן בעסער...

דאס רעדן אליין וואס מען רעדט פונעם רבי'ן איז אויך א געוואלדיגע גרויסע זאך, דאס איז אויך א טהרת הנפש - אבער בעסער איז דאך טאקע אז מען זאל טאקע נעמען! דער בעל דבר וויל אפילו דאס אויך נישטליידן - מען זאל רעדן פונעם רבי'ן! ווארום אז מען רעדט פונעם רבי'ן ווערט עפעס! אונזערע לייט פלעגן זאגן: **"דער רבי האט גע'פועל'ט ביי השם יתברך - אז מען רעדט פון אים, האט מען א הרהור תשובה!"**[כב]. ממילא, צו האבן א הרהור תשובה איז כדאי אפילו מאכן נסיעות אז מען זאל ארויסכאפן א הרהור תשובה, עס איז כדאי![כג] אבער עס איז אזא גרויסער רבי מיט אזעלכע גרויסע געצייג אז מען קען האבן מערער, מען קען מאכן מער, מען קען מאכן בעסער.

---

[כב] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, קכ"ב.

[כג] עי' מ"ש ע"ז הגאון החסיד ר' שמואל הורוויץ ז"ל בקונטרס 'מאמר התקשרות לצדיק האמת' פרק א': וּבֶאֱמֶת "זֶהוּ יְסוֹדָהּ", כִּי זוֹכֶה עַל־יְדֵי הַהִתְקָרְבוּת אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבּוֹא רְבָבוֹת פְּעָמִים יוֹתֵר וְיוֹתֵר מִמַּה שֶׁיָּכוֹל לִזְכּוֹת בְּלִי הִתְקָרְבוּת לְהַצַּדִּיק, וְדַי לְחַכִּים. **וּכְמוֹ שֶׁאָמַר הָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שְׁלֹמֹה מִקַּרְלִין זְצוּקַ"ל שֶׁכְּדַאי לִנְסֹעַ כַּמָּה אֲלָפִים פַּרְסָאוֹת לְצַדִּיק הָאֱמֶת וּלְבַטֵּל תּוֹרָה וּתְפִלָּה בַּהֲלִיכָה וַחֲזָרָה, בִּשְׁבִיל דִּבּוּר אֱמֶת אֶחָד שֶׁיִּשְׁמַע מֵהַצַּדִּיק!** (הובא גם בתוך הסכמת הגאון רבי ישראל בערגער זצ"ל - אבד"ק בוקארעסט על ספר "שמע שלמה" על הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע, בשם תלמידו הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זצ"ל).

ער האט מיר דערציילט - ר' ברוך - ר' געצעס[כד] איידעם, ווען ר' געצע איז נפטר געווארן - ער איז געווען גאר יונג, ער איז אלט געווען פיר-און-פערציג יאר ווען ער איז נפטר געווארן. ער איז געווען א געוואלדיגער עובד השם, זיין עבודה איז געווען געוואלדיג. האט ר' ברוך געזעהן דעם שווער ר' געצע'ן אין חלום - האט ער (ר' ברוך) אים געפרעגט: 'וואס הערט זיך אזוי ביי אייך?' האט ער אים אזוי געזאגט: **"עס איז מיר נישט שלעכט, אבער איך האב געקענט מאכן בעסער!"**

**אזא מין עובד ווי ער איז געווען!...**

נאך דעם בין איך געוואויר געווארן אז ער איז געווען א קראנקער מענטש אויף די לונגען גאר, א געוואלד, א געוואלד! אז עס איז געקומען ווינטער איז געווען, לא עלינו, די הענט פול מיט וואונדן און וואונדן - און ער איז געגאנגען אלע טאג אין מקוה... ער האט נאר געטוהן איין זאך: אויפן רבי'נס ציון האט ער זיך באשמירט די הענט מיט אביסל שמן פונעם 'נר תמיד', דאס האט ער געטוהן - מער נישט.

**מען פארשטייט, ווינטער די קאלטע מקוואות - אייז, ממש אייז!**

אזוי פלעגט ער גיין מיט הענטשקעס אויף די הענט. שבת האט ער דאך נישט געקענט גיין קיין הענטשקעס ווייל ער וועט נישט קענען אפרייסן די הענטשקעס פאר די מקוה, איז ער געגאנגען אזוי... א געוואלד, א געוואלד! און זיין ארעמקייט, זיין דחקות און עניות - א געוואלד, א געוואלד! וואס קען ער מאכן נאך בעסער? אַן ארעמאן, א קראנקער מענטש, אזוי א עובד השם – (פונדעסטוועגן האט ער געזאגט:) 'איך האב געקענט מאכן בעסער'!

---

[כד] **ר' געצע ב"ר אברהם.** שמו המלא: ר' אליקים געציל ליבאוונא. נכדו (בן בתו) של ר' פנחס יהושע מטעפליק וחתנו של ר' נחמן הזקן ב"ר אפרים נכד רביז"ל, נולד בשנת תרל"ד. נפטר בשביעי של פסח תרע"ח. ומנו"כ באומאן. (גידולי הנחל)

דער מענטש האט געדינט דעם אויבערשטן! זיין דאווענען איז געווען א געוואלד, א געוואלד!

(אחד הנוכחים: ער איז געווען א למדן אויך!) יא! ער איז געזעצן און געלערנט. ער האט געלייגט דריי פאר תפילין - ער האט געלייגט 'שימושא רבא' תפילין אויך. ער פלעגט לערנען שולחן ערוך, 'טורי זהב' מיט 'ש"ך' - געלערנט! א ירא וחרד, א ירא אלקים! (ווער רעדט) ווי אזוי ער פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפן ציון... א ירא וחרד, ער האט געציטערט פארן אויבערשטן - א געוואלד, א געוואלד! און ער איז געווען א גוטער מענטש, א דימיט'דיגער מענטש.

❖

## אראפגעלייגט א דאווענען!

מען פלעגט איינטיילן (את השיעור היומי בקלויז באומאן): רבי שמשון (בארסקי ז"ל, נכד רביז"ל) פלעגט לערנען (פארן עולם) איין טאג, און ר' געצע איין טאג.

ווען איך בין געקומען האט מען געהאלטן דעמאלט ביי תורה י"ב אין דעם אנדערן חלק (תניינא, "איה השה לעולה"). האט מען געלערנט מיט אלע (ליקוטי) הלכות'ער. דעמאלט איז נישט געווען קיין סאך ליקוטי הלכות'ער (- בשוק) - ליקוטי מוהר"ן'ס איז געווען מערער. אין אומאן האט געקענט זיין אז נאר צוויי-דריי מענטשן זאלן האבן אלע ליקוטי הלכות'ער - נישט מער. אבער מען האט געלערנט אלע הלכות'ער (אויף דער תורה).

רבי שמשון האט געלערנט זייער מיט א שיינע הסברה, ער האט געהאט א ריין לשון, מסביר געווען שיין אזוי. און ר' געצע איז געווען אביסעלע שווערליך מיטן פארשטיין געבן, עס איז געווען שווער אים צו פארשטיין. אבער ער האט געלערנט מיט אזא מין צובראכנקייט, מיט אזא מין לב נשבר, ער האט זיך אזוי צוגעקרעכטסט ביים לערנען, איז געווען מענטשן וואס פלעגן וועלן הערן רבי שמשון'ען בעסער.

מיר פלעגן וועלן הערן ר' געצע'ן בעסער, ווייל ער האט געלערנט מער מיט א צובראכנקייט, עס איז געווען מער א לב נשבר אין זיין לערנען.

**נו, זיי האבןביידע געמאכט גוט, ביידע זענען געלעגן שטארק אינעם רבי'נס זאך!**

**איך בין געווען ביי רבי שמשון'ען אין שטוב. האט ער געהאט דארטן א חדר, וואס קיינער איז נישט אריינגעקומען אין דעם חדר. ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט ער איר פארשלאסן מיט א שלאס - אפילו די בני בית איז קיינמאל נישט אריינגעגאנגען אין דעם חדר - א חדר פאר עבודת השם, פאר עבודה – אַה!**

**רבי שמשון האט געדאוונט - ממש אזוי ווי דער רבי זאגט אין תורה נ': 'מיין מתיקין'![כה] עס איז געווען זיס-האניג זיין דאווענען! ער האט זיך אזוי שטילערהייט צוגעקלאפט א שטילער ניגון אינמיטן דאווענען. ער האט אנגעהויבן דאווענען 'מה טובו', אפילו די קטורת זיינע איז געווען א מחיה צו הערן.**

**איך געדענק, אז רבי שמשון איז געווען אַן אבל נאך דער מוטער[כו]** (מרת פיגא בת ר' אפרים בן שרה בת רביז"ל) **אין דעם ערשטן יאר מיינער** (באומאן, תרע"ה)**. האט ער נישט געקענט דאווענען פארן עמוד, ער האט זיך נישט געקענט אזוי מצמצם זיין. איז אסאך מאל פלעגט ער צוגיין צו 'ברכו', און אסאך מאל פלעגט ער צוגיין זאגן די הויכע שמונה עשרה, און אמאל איז ער גאר צוגעגאנגען צו 'אשרי ובא לציון' זאגן דעם 'קדיש תתקבל'. ער האט נישט געקענט פארלאנגען פון דער עולם מען זאלווארטן אויף אים - און ער האט דאס אויך נישט געוואלט, ווייל ער האט געדאוונט**

---

[כה] וזל"ש בא"ד: "וּכְשֶׁמִּתְפַּלֵּל וְטוֹעֵם מְתִיקוּת בְּדִבּוּרֵי הַתְּפִלָּה, זֹאת הַבְּחִינָה נִקְרֵאת "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה". וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִלָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית. כִּי מַיִּין מְתִיקִין, זֶה בְּחִינַת מַיִּין דְּדַכְיָן. זֶרַע קֹדֶשׁ. שְׁמִירַת הַבְּרִית. **וּמִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת מַיִּין מְתִיקִין, אֲזַי דִּבּוּרָיו מְתוּקִים וְטוֹבִים.** וּכְשֶׁיּוֹצְאִים מִפִּיו וּמַשְׁמִיעַ לְאָזְנָיו, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (בְּרָכוֹת ט"ו): 'הַשְׁמַע לְאָזְנְךָ' וְכוּ', אֲזַי נִכְנָסִים מְתִיקוּת הַמַּיִּין לְתוֹךְ עַצְמוֹתָיו, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ט"ו): "וּשְׁמוּעָה טוֹבָה תְּדַשֶּׁן עָצֶם". וּכְשֶׁעֲצָמוֹת מַרְגִּישִׁין מְתִיקוּת הַדִּבּוּרִים, זֶה בְּחִינַת: "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה" ".

[כו] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות תמ"ח.

זייער לאנגזאם, ער האט געוואלט קענען דאווענען און מען זאל אים נישט מבלבל זיין. ער האט געדאוונט זייער לאנגזאם - נאך מער ווי ר' געצע. האט ער פארשטאנען, כאטש ער איז אַן אבל, אבער דאס דאווענען זיינע במתינות האט ער נישט אפגעלאזט. ער איז א געוואלדיגער מענטש געווען, ער איז נישט געווען קיין 'קטלא קניא'.

ר' געצע איז געווען אַן אנדערע סארט מענטש, מער צוגעלאזן געווען. זיי האבןביידע געמאכט גוט. ר' געצע איז געווען א צובראכענער מענטש, א צובראכענער אידל אזוי.

## געֶ'חלש'ט אינמיטן די זמירות...

ר' געצע האט קיינמאל נישט געהאט אויף שבת, האבן מיר איינמאל ווינטער אפגעמאכט אזוי: מיר וועלן אים געבן אויף שבת - און מיר וועלן שוין אויך עסן מיט אים. מיר אלע זענען געווען ארעמעלייט – בחורים. נאר וואס דען, אז מיר האבן געוואלט עסן ביי אים שבת - א צוואנציג בחורים, צו אפשר נאך מער, האט מען אים אריינגעטראגן אויף שבת, האט ער אויך געגעסן מיט אונז.

אַה, געוואלדיג! זיין 'זמירות', מיט זיין 'שלום עליכם', א 'ריבון העולמים' - א געוואלד! זי, די ווייב זיינע - אסתר, האט דערציילט, אז ער האט אמאל אזוי געזאגט דעם אשת חיל אז ער איז געבליבן חלשות, מען האט אים געמוזט דערמונטערן...

א מסירת נפש'דיגער איד - א געוואלד, א געוואלד!

האט ער געזאגט פאר ר' ברוך'ן: 'עס איז מיר נישט שלעכט, אבער איך האב געקענט מאכן בעסער!' – אזעלכע אידן זאלן זאגן אזעלכע ווערטער...

(ר' נחמן: ר' געצע איז געווען דעם רבי'נס אַן אייניקל?) ניין - 'זי' איז געווען (- זוגתו מרת אסתר - היתה בת ר' נחמן בן ר' אפרים בנה של מרת שרה בת רביז"ל). זיין מוטער איז געווען ר' פנחס

יהושע'ס (מגדולי תלמידי מוהרנ"ת) א טאכטער. זיין מוטער איז געווען דעם אלטן ר' נתן'ס (- בייטלמאכער) א שוועסטער; 'דער אלטער ר' נתן' איז געווען זיינער א פעטער. ער פלעגט טאקע זאגן (- ר' נתן בייטלמאכער): 'מיין גענצע', 'מיין גענצע'!...

מיר רעדן דא פון אזעלכע אידן וואס האבן זיך געדרייט ביים רבי'ן, און זיי זענען געווען ארעמעלייט. דער אויבערשטער העלפט אונז - דער אויבערשטער פירט דאך היינט דער וועלט שענער, עס איז נישטא דאס ארעמקייט היינט. וואו איז דא היינט א איד וואס זאל נישט האבן אויף שבת קיין חלות? וואס זאל נישט האבן אויף שבת א שטיקל פיש? עס איז נישטא היינט אזוינס!

מען איז טאקע ישיבה-לייט, עס איז שווער, מען האט מצומצם - אבער פונדעסטוועגן אויף שבת איז דא, חלות, פיש, א פלאש וויין - אמאל איז דאך דאס נישט געווען. וואו איז געווען? אפילו אביסל ראזשינקעס... ווער האט געהאט ווייסע חלה?! עס איז דאך געווען א געוואלדיגע עניות - דא איז דאך פארט דא עפעס. אז ער לערנט אין א ישיבה, א כולל, אדער ער טוהט נאך עפעס אין דער זייט, האט ער עפעס.

(ר' נחמן: אבער דארטן איז דאך געווען די אנשי מעמד?) די 'אנשי מעמד' - וואס האבן זיי געהאט? א גארנישט! זיי האבן נישט געהאט גארנישט!

❖

## פארגעסן אז ער האט נאך נישט אויף יום-טוב...

עס איז געווען אמאל א הושענא רבה, און ר' גענצע האט אוועקגעלייגט אַן הושענא רבה מיט די הושענות אז עס איז געווען א געוואלד! נאכן דאווענען קומט ער צו צו מיר: איך האב נאך נישט אויף יום-טוב גארנישט און איך האב איצטער אויך גארנישט וואס צו עסן. נאכן דאווענען האט ער מיר דאס געזאגט...

דעמאלט איז אזוי געווען: ביים דאווענען האט מען געקענט ארייַנלויפן אין די שולן מאכן געלט - אידן האבן געגעבן צדקה. אבער עס איז שוין געווען נאכן דאווענען - און מיר האבן אפגעדאווענט נאך שפעטער פון אלע, האבן שוין אלע שולן געהאט אפגעדאווענט. פארוואס האט ער מיר אזוי שפעט געזאגט? - ביים דאווענען האט ער אינזין געהאט דאס עסן?! אזא מין ארעמאן - ער האט נישט אויף יום-טוב, און ער האט נישט אפילו אויף הושענא רבה אין שטוב וואס צו עסן - און ער האט גארנישט דערמאנט קיינעם... נאר נאכן דאווענען איז ער צוגעקומען צו מיר. בין איך ארייַנגעלאפן דארטן אין א שול אריין, איך האב שוין עפעס געמאכט און אריינגעטראגן דארטן...

דאס עניות איז געווען געוואלדיג גרויס - און מען שרייט אפּ א דאווענען - און נאך דעם איז נישטא אין שטוב, ער האט נישט וואס צו געבן קיין עסן – יום-טוב, הושענא רבה. הושענא רבה מאכט מען דאך א יום-טוב'דיגע סעודה, און שמיני עצרת, שמחת תורה - עס איז גארנישט דא - און מען דינט דעם אויבערשטן! מען שרייט!...

(ר' נחמן: עס איז נישט געווען קיין תומכים?) ווי תומך זיין? קיינער האט נישט! עס איז געווען עטליכע מענטשן דארטן פארמעגליכע. און נאך א זאך, זיי האבן דאך נישט געמאָנט.

ר' געצע פלעגט ארויספארן אינמיטן זוממער (לקבץ מעות), האט ער געמאכט דארטן עפעס, האט ער געשיקט אהיים מען זאל קויפן אביסל האלץ אויף ווינטער צו הייצן. אויך ראש השנה פלעגן אונזערע לייט אים עפעס געבן, מען פלעגט אים מהנה זיין - געווענטליך (- פארשטייט זיך) איז אים געווארן אביסעלע גרינגער. אבער פרנסה איז נישט געווען.

נאשקע רוסישער'ס[כ] טאטע - ר' מאָטיע, האט אסאך תומך געווען ר' געצע'ן. געדענק איך, איך בין געקומען אמאל אינמיטן ווינטער, האט ער געקויפט א פיר (-וואגן) האלץ, און ער האט אוועקגעלייגט א זאק מעל אויף דעם פיר האלץ און צוגעפירט צו ר' געצע'ן אין שטוב אריין, און ער האט אים געזאגט: 'ר' געצע, איר וועט ענדיגן דאס, וועל איך קויפן נאך'.

מאטיע איז געווען כרוך צו ר' געצע'ן, האט ער אים תומך געווען. נאך דעם איז ער אליין געווארן אַן ארעמאן - עס איז געווען ארעמעלייט.

❖

## דער אויבערשטער פירט היינט דער וועלט שענער!

רבי שמשון איז אויך געווען אַן ארעמאן - אַן אביון, ער איז דאך געווען דעם רבי'נס אַן אייניקל. געדענק איך, מען האט דעמאלט געמאכט אז יעדן דאנערשטאג זאלן צוויי בחורים ארומגיין פאר אים. דארטן איז אזוי געווען: די רוסישע מענטשן זענען גוטע מענטשן, זיי גיבן נדבות - אבער מען דארף אריינגיין אין די קלייטן, און דארטן איז געווען זייער רייך און געפוצט - און די נשים דארטן... האט מען נישט געוואלט גיין, מען האט זיך געהיט. פאר זיך איז מען נישט געגאנגען, אבער אז רבי שמשון האט נישט אויף שבת זענען אלע וואך געגאנגען צוויי בחורים און זיך געגעבן א דריי דארטן אין די קלייטן און מען האט אים געמאכט אויף שבת.

איך האב געזאגט: 'געוואלד, געשריגן - עס איז מיר מבלבל, מען קומט אריין אין די קלייטן – דאס געפוצקטייט מיט דאס רייכקייט – געוואלד געשריגן, איך קען נישט, איך קען נישט גיין!'. אז איך בין נישט געגאנגען - זענען שוין אנדערע אויך נישט געגאנגען. געדענק איך, האט רבי שמשון מיר אריינגערופן צו זיך אין שטוב

---

[כ] **ר' נחמן ב"ר מרדכי קאנעלסקי**. נולד סוף תרע"ט בקרימנטשוק. אמו שרה בתיה בת ר' בן ציון קומינסקי ב"ר אברהם דוב בן (או נכד) ר' שמעון מקרימנטשוק תלמידו של רביה"ק. עלה לארץ ישראל שנת תש"ה. נלב"ע י"ט תשרי תשע"א כבן תשעים ואחד. (גידולי הנחל)

אריין - און ער האט פאר מיר געוויינט: 'אז דו גייסט נישט, גייען אנדערע אויך נישט – איך האב נישט אויף שבת!'. (אמרתי לו:) 'וואס זאל איך טוהן? איך קען נישט אריינגיין!'.

- אזא מין סארט עניות איז געווען, מען האט געדארפט אלע דאנערשטאג ארומגיין אין די קלייטן מאכן אויף שבת - אז נישט האט מען נישט געהאט אויף שבת. און דעמאלט איז געווען מסירת נפש ממש – דעם רבי'נס אַן אייניקל, האט מען זיך מפקיר געווען דעם 'נפש' אויך ממש...

נו, דער אויבערשטער פירט דער וועלט היינט שענער![כח] היינט, ברוך השם, איז עס נישטא! אז מען זאל וועלן האבן דאס הסתפקות וואס מען האט געהאט דארטן, וואלט יעדער איינער געקענט זיצן בהרחבה און דאווענען און לערנען און גארנישט טראכטן - נאר דאס הסתפקות איז נישטא; היינט איז דאך אַן אנדער (וועלט)...

❖

## א פראסטיגע נאכט ביים רבי'ן אויפן ציון

ר' געצע פלעגט קומען אלע פארטאג צום רבי'ן אויפן ציון! אין די גרעסטע שניי און פראסט - און נאך א קאלטע מקוה, אַה!

(ר' נחמן: ער פלעגט האבן דעם שליסל פון ציון?) עטליכע מענטשן האבן געהאט דעם שליסל.

---

[כח] עי' שיחות הר"ן ש"ז: "לענין מה שדרך העולם לומר בכל שנה ובכל עת שעכשיו אינם עתים טובות ובשנים הקודמים היה טוב יותר וכו'. כידוע שיחות כאלו בין רוב העולם, דיברנו עמו מזה הרבה. ורוב השיחה היה שסיפרו לפניו הרבה שבימים הראשונים הטובים היה הכל בזול גדול הרבה יותר משל עכשיו. כי לא היה אז נגידים ועשירים גדולים כמו עכשיו. ומה שמוציא עכשיו בעל הבית פשוט ואפילו מקבל חשוב הוא יותר מההוצאות של הנגידים, שבשנים הקודמים כידוע ומפורסם כל זה. ענה ואמר: הלא אדרבא, השם יתברך מנהיג עתה העולם יפה יותר מקודם! ואמר בזה הלשון: **אדרבא דער אייבערשטער פירט היינט שעניר דיא וועלט!**". גם עיי"ש בשיחה ש"ח.

ווען מען איז געווען אין שול האט מען געהערט די קולות פונעם ציון, האט מען שוין געוואוסט צו דער ציון איז אפן צו נישט, עס איז דאך געווען אנטקעגן אזוי. ביינאכט גייט דאס קול העכער, הערט מען בעסער דעם קול.

עס איז געווען טרעפ ארויפצוגיין צום ציון. אבער אז מען איז ארויפגעקומען צום רבי'ן אויפן ציון אין א ווינטערדיגע פראסט, צו א ווינטערדיגער שניי, איז די שניי געווען אזוי ווי איין גליטש, איין אויסגאס, אזוי ווי א 'מדרון' - א משופע'דיגער (- שיפער) בארג, עס איז נישט געווען קיין סימן פון קיין טרעפ. איז ווי קען מען זיך דראפען? עס איז דאך גליטשיג, איך פאל דאך אראפ!? איז כדי אראפצוגיין - האט מען זיך אוועקגעזעצט און זיך אראפגעגליטשט... מען האט זיך געקענט צעברעכן די ביינער אויך גוט... אבער אויף 'ארויף' - איך כאפ זיך ארויף און איך פאל אראפ קריק, איך האב זיך נישט אין וואס אנצוכאפן, עס איז דאך איין אויסגאס. וויפיל מאל איז געווען אז מען איז שוין געווען באלד אויבן - און מען איז אראפגעפאלן קריק...

און מען איז געגאנגען, מען איז געגאנגען, מען האט זיך געדראפעט, איינער האט זיך אנגעהאלטן אין צווייטן, און צוויי זענען געפאלן אראפ... - און מען איז געגאנגען! עס איז כמעט נישט געווען קיין נאכט וואס מען זאל נישט גיין.

און ר' געצע פלעגט גיין מיט די הענט וואס זענען געווען פול מיט בלאטערן. געוואלד - אז אזא מסירת נפש'דיגער איד קומט אהין-צו (בעולם האמת) איז דאך אוודאי דארטן זייער חשוב - נישטא אסאך אזעלכע אידן. אבער דארטן האט ער געזעהן אז ער האט געקענט מאכן בעסער. 'איך האב געקענט מאכן בעסער!'. דאס רעדט מען (אפילו וועגן) 'אזא מין איד'! דארף מען וויסן, וואס וועט שוין זיין אזוי (ווי מיר זענען)!? איך האב געקענט מאכן בעסער - איי איי איי...

מיר שטייען ביי אזא מין 'פלטין של אמת'[כט] - אַן אוצר, מיט אזא פארמעג, מיט אזעלכע טייערע עצות - און מען טוהט גארנישט... איי - א שמעק טאביק, א גארנישט! געוואלד, געוואלד! די אלטע אידן וואס ווען זענען געווען אין די יונגערע יארן האבן זיי געטוהן האבן טאקע געהאט אנדערע פנים'ער - מיושב'דיגע מענטשן! 'אַה - עס האט געשמעקט צו קוקן אויף זיי!'[ל]

❖ ❖ ❖

## מנהגי שובבי"ם

(ר' נחמן: שובבי"ם פלעגן פאסטן אונזערע לייט?) שובבי"ם איז געווען אזוי: איינצלנע האבן געפאסט אפשר - אבער פארבאהאלטן. נאר דאס האט מען געוואוסט, אז איין טאג האט מען נישט געגעסן קיין 'דבר מן החי'; דאנערשטאג האט מען נישט געגעסן קיין 'דבר מן החי'[לא].

(ר' נחמן: אזוי האבן זיך געפירט אלע אונזערע לייט?) כמעט, כמעט.

---

[כט] עי' סוף ספר סיפורי מעשיות. ועי' עלים לתרופה במכתב מיום ו' ויגש תקפ"ו: "מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכֶּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה, **תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפַּלְטִין שֶׁל אֱמֶת**, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ כִּי עִנְיַן הַפַּלְטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַךְ בֶּאֱמֶת אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כְּלוּם" וכו', עיי"ש.

[ל] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד', אות ח': " 'זָקֵן זֶה קָנָה חָכְמָה' (קִדּוּשִׁין ל"ב:). וְצָרִיךְ הָאָדָם, כָּל מַה שֶּׁמַּזְקִין, כָּל מַה שֶּׁנִּתּוֹסֵף וּבָא לוֹ יוֹם מִימֵי חַיָּיו, לְהוֹסִיף בְּכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁבָּא אַחַר כָּךְ תּוֹסָפוֹת אוֹר קְדֻשָּׁה וָדַעַת, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִנִּים פֶּרֶק ג): **'זִקְנֵי תַלְמִידֵי חֲכָמִים כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין, דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן'** כִּי צְרִיכִין בְּכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁבָּא אַחַר כָּךְ לְהוֹסִיף בּוֹ קְדֻשָּׁה וָדַעַת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית א): "וַיִּקְרָא אֱלֹקִים לָאוֹר יוֹם" שֶׁכָּל יוֹם צָרִיךְ שֶׁיָּאִיר בְּיוֹתֵר כַּנַּ"ל. ...אֲבָל כְּשֶׁהַזְּקֵנִים כָּרָאוּי, בִּבְחִינַת: 'זָקֵן זֶה קָנָה חָכְמָה' וְכוּ' כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה מִתְגַּבֵּר הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה ט): **"זָקֵן וּנְשׂוּא פָנִים"** שֶׁעַל יְדֵי זָקֵן שֶׁבִּקְדֻשָּׁה מִתְגַּבֵּר הָרָצוֹן, שֶׁהוּא בְּחִינַת נְשׂוּא פָּנִים, כִּי נְשִׂיאַת פָּנִים הוּא בְּחִינַת רָצוֹן".

[לא] לציין שבספר "יסוד ושורש העבודה" - שער המפקד, פרק שני, הביא שם מנהג כעי"ז: "ורבים מבני עליה מתענים פ' שמות ופ' משפטים משבת לשבת, **ונזהרים 'כל' ימי השובבי"ם מלאכול דבר מן החי**, ורבים מסגפין עצמן שאינם אוכלים אף שום תבשיל חם בערב אחר התענית".

**וואס הייסט א 'דבר מן החי'? דארטן איז געווען גרינגער, מען האט ממילא נישט געהאט...**

**א 'דבר מן החי' איז - נישט קיין מילך, נישט קיין פוטער, נישט קיין איי, נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש.**

(ר' נחמן: דאס הייסט - בייטאג צו ביינאכט?) **דעם טאג - אזוי ווי א תענית. ביינאכט האט מען שוין יא געגעסן - אזוי ווי ביי א תענית. ביי דער וועלט נעמט מען גאר אָן צו פאסטן - פרייטאג. עס שטייט טאקע אזוי[לב], פרייטאג האבן זיי אינגאנצן נישט געגעסן, נאר פארן לעכט בענטשן האבן זיי עפעס גענומען.**

**היינט איז מיר שווער די זאך אויסצופירן** (שלא לאכול דבר מן החי) **- פון די שוואכקייט איז אפילו דאס אויך שווער. ווייל פארקערט, אנדערע זאכן עס איך נישט - נישט קיין טאמאטעס, נישט קיין אוגערקעס - דאס עס איך נישט.**

(ר' נחמן: א 'דבר מן החי' הייסט אויך 'היוצא מן החי'?) **דבר מן החי.**

(ר' נחמן: אלע מילכיגס?) **אלע מילכיגס!**

(השואל: אייער אויך?) **אויך נישט אייער!**

(השואל: און א קיכל וואס איז געשמירט מיט אייער?) **אז מען קויפט ברויט איז דאס געשמירט מיט אייער?** (ר' נחמן: ברויט נישט!)

---

[לב] עי' ספה"ק "דברי יחזקאל" ריש פר' שמות: "'ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה' (א, א). הנה הר"ת מן ש"מות בנ"י י"שראל ה"באים מ"צרימה הוא השבי"ם. וסופי תיבות תהלי"ם. כי מסוגל לחטא ז"ל ר"ל. **ובפרט בימי השובבים** לומר תהלים. ואמרו משמו של **הרב הקדוש מוהר"ר מרדכי מטשערנאבל זלה"ה** שסגולה לזה להתענות **בעש"ק** ובשבת קודש יאמר תהלים וטוב לתיקון החטא הזה

דא, ברוך השם, קען מען דאס אויך, עס איז א גרינגער תענית: אינדערפרי קען ער עסן טאמאטעס, מען מאכט זיך א סאלאט, א גלאז טיי מיט צוקער. בייטאג קען ער זיך אפקאכן קארטאפל, און לאקשן קען ער עסן - עס איז א גרינגער תענית.

(השואל: פארוואס דווקא דאנערשטאג?) איך ווייס? דא זאגט מען דאך סליחות דאנערשטאג.

(ר' נחמן: וואס איז מיט סליחות?) דארטן (אין אוקריינע) האט מען נישט געזאגט קיין סליחות - דא (בירושלים) זאגט מען סליחות - אין 'ישועות יעקב' (- די גרויסע שטיבל פון די שטיבלעך אין מאה שערים) זאגט מען. ווען איך בין געגאנגען אין מקוה האט מען שוין דארטן געזאגט סליחות.

(ר' נחמן: אלס יום הקריאה!) יא! ביי אונז האט דער מנין אנגעהויבן צו זאגן היינט סליחות, צען מינוט נאך פינעף פארטאג. שמעון (בן הרה"ח ר' שמואל) שפירא איז געווען דער חזן - 'אשרי, קדיש' (וכו'). היינט איז געווען די 'סליחות פזמון' פון דעם ערשטן טאג סליחות. היינטיגס (יאר) איז דא 'שובבי"ם ת"ת', עס איז דא סליחות פון פאר ראש השנה, און עס איז דא נייע סליחות אויך.

(ר' שמואל: וואס איז מיט א 'תענית דיבור' שובבי"ם? די ספרדים מאכן א תענית דיבור! מיין זיידע (הגה"ח ר' וועלוול חשין ז"ל) מאכט אויך א תענית דיבור, היינט – דאנערשטאג - רעדט ער נישט, א טאג צייט! נישט רעדן קיין דברים בטלים איז א גרויסע זאך, בפרט שובבי"ם!) דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מקיים זיין די עצות פונעם רבי'ן - מען זאל רעדן איינער מיטן אנדערן, זיך חבר'ן - האבן חברים, לערנען דעם רבי'נס ספרים - האבן מיר אלע דריי נקודות![לג] אז מען איז מקיים דאס דאזיגע וועלן מיר אוודאי זיין נענטער צום רבי'נס זאך און מען וועט זיין אַן אנדער מענטש!

(ר' נחמן: אין אומאן האט מען געוואוסט אַן ענין פון תענית דיבור?) ניין, די אלע זאכן הער איך אלץ דא. אפילו סליחות האט מען אויך נישט געוואוסט; מען האט געוואוסט

---

[לג] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד.

אז שובבי"ם איז אַן ענין פון "שובו בנים שובבי"ם", עס ווערט דערמאנט אין ליקוטי הלכות אויך אין איין ארט![לד]

(ר' נחמן: וואס איז מיט תהלים? מען פלעגט שובבי"ם האבן א באזונדערן שיעור אין תהלים?) **יא.** רבי נתן האט געהאט שובבי"ם צוויי שיעורים אין תהלים. שובבי"ם - און אין ימי ספירה אויך אזוי[לה].

(השואל: וואס הייסט צוויי שיעורים - צוויי מאל צען?) איך וויים נישט וואס - 'ער האט צוויי מאל אין טאג געזאגט תהלים!'.

(השואל: פארוואס זאגט מען דא יא סליחות?) דו פרעגסט פארוואס מען זאגט סליחות? דא זאגט מען - זאגן מיר אויך, מיר טיילן זיך נישט אפ! "אל תפרוש מן הציבור"[לו].

❖

(ר' שמואל: אין בני ברק זאגט מען נישט קיין "שיר למעלות" [קודם 'עלינו' בתפילת ערבית]!) (ר' נחמן: ווייל די גאנצע וועלט זאגט נישט!) נאר אין ירושלים זאגט מען "שיר למעלות"; יום-טוב סוכות זאגט מען אין ירושלים - "שמחתי", חנוכה – "מזמור שיר חנוכת", פסח – "בצאת ישראל".

---

[לד] עי' הל' גילוח ה"ד, אות ח': "**וְזֶה בְּחִינַת שׁוֹבָבִי"ם שֶׁבָּהֶם נוֹהֲגִים הַכְּשֵׁרִים לְהִתְעַנּוֹת וְלִצְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ בִּתְפִלּוֹת וּסְלִיחוֹת**, כִּי בְּאֵלּוּ הַיָּמִים קוֹרִין בַּתּוֹרָה בְּעִנְיַן גָּלוּת מִצְרַיִם וּגְאֻלָּתָם שֶׁהָיָה עַל יְדֵי צְעָקָה כַּנַּ"ל. וּכְמוֹ כֵן צְרִיכִין עַתָּה בַּגָּלוּת הַזֶּה כַּנַּ"ל".

[לה] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ג "תהלים מסוגל לתשובה" וכו', עיי"ש. ועי' "ליקוטי עצות" ערך 'מועדי ה' – ספירה', אות ג': "**על כן צריכין ליזהר ביותר במ"ט ימי הספירה לומר תהלים בכונה**, כדי לזכות על ידי תהלים לכל שערי תשובה הנזכרים לעיל שהם כנגד ימי הספירה, שבהם אנו צריכים להטהר מזוהמתנו ולשוב אליו יתברך, כדי שהוא יתברך ישוב אלינו בשבועות".

[לו] משניות אבות פ"ב, מ"ד.

(ר' נחמן: וואספארא מזמור זאגט מען יום כיפור ביינאכט - "מזמור לדוד הבו לה' בני אלים"?) **יא יא.** (ר' נחמן: און שבועות אויך?) **יא. און ראש השנה זאגט מען "למנצח על הגיתית".**

❖ ❖ ❖

## המנהג כשנכנס לגיל העשרים

(ר' חיים שלמה: עס איז דא פון רבי'ן אז מען זאל אויף זיין אין דער נאכט וואס מען ווערט צוואנציג יאר?) **יא!** (ר' נחמן: פון רבי'ן איז דאס טאקע?) **עס איז א מנהג פון די קדמונים**[לז].

**איך האב געהערט פון רבי אברהם רבי נחמן'ס, אז ר' יצחק** (בן מוהרנ"ת) **איז געווארן צוואנציג יאר, פרייטאג צונאכטס - שבת**[לח]**. האט רבי נתן אים געשריבן: "דו וועסט דאך מן הסתם וועלן אויף זיין די נאכט, דו ווערסט דאך אלט צוואנציג אין דער נאכט, זאלסטו זאגן תפילות** (- מליקוטי תפילות) **- און אלע תפילות פון שבת!". און נאך** (האט ער אים געשריבן:) **"אז דו וועסט זאגן תפילות וואס מען דערמאנט דארטן חטאים - זאלסטו נישט דערמאנען קיין חטאים!"**[לט].

---

[לז] עי' "חסד לאברהם" (סבו של החיד"א) מעיין ב', נהר נ"ו; ובספר 'הפרדס' (לבעל ה'אור השנים' הרא"ל אפשטיין, שנת תקל"ה) דף י"ח: "קיבלתי מרבי המובהק החריף והבקי הישיש כבוד מורינו יצחק אייזיק זצללה"ה, שבליל הנכנס לי"ד שנה משני האדם, אחר י"ג שנה שלימות, וכן בליל הנכנס לכ"א שנה, אחר כלות כ' שנה שלימות, כאשר יסכים האדם בדעתו באותו לילה לעבוד השי"ת ויתעלה – כן יצמיח ויעלה בכל מיני מעלה, עד שיגיע לכל מידה מעולה, והוא בדוק ומנוסה בלי שמץ ותיפלה; והשומע לדברי אלה בוודאי שיהיה לו תקנה גדולה, ולתקן מה שעשה ח"ו נבלה, **על-ידי בקשת רחמים כל אותה הלילה**, ויעלה לשם ולתהילה". (שיש"ק חדש ח"ב, אות תרנ"ח).

[לח] רבי יצחק בן מוהרנ"ת נולד י"ד ניסן תקס"ח, ובשנת תקפ"ח חל י"ד ניסן ביום השבת.

[לט] עי' "שערי תשובה" סי' ש' סק"א, בשם האריז"ל שאין לומר וידוי בשבת, עיי"ש. גם עי' ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ו, אות א': "וְהָעִקָּר לְקַבֵּל אֶת הַשַּׁבָּת בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב וּלְהַרְחִיק כָּל מִינֵי עַצְבוּת בְּשַׁבָּת, אֲפִלּוּ **עַצְבוּת וּדְאָגוֹת מֵחֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו הַמְרֻבִּים צְרִיכִין לְהַרְחִיק בְּשַׁבָּת בְּכָל כֹּחוֹ**, כִּי אֲפִלּוּ בַּחֹל צְרִיכִין לְהַרְחִיק מְאֹד אֶת הָעַצְבוּת בִּפְרָט בְּעֵת שֶׁעוֹסְקִין בְּאֵיזֶה קְדֻשָּׁה בַּתּוֹרָה אוֹ בְּמִצְוָה, שֶׁצְּרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּיוֹתֵר שֶׁיִּהְיֶה בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה וְלִבְלִי לָשׂוּם אֶל לִבּוֹ אָז אֲפִלּוּ דְּאָגוֹת הָעֲווֹנוֹת, רַק לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בִּמְעַט טוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן, כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ הַרְבֵּה בָּזֶה, **מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ שֶׁאָז אָסוּר**

(ר' נחמן: ר' יצחק האט אים דאס געפרעגט?) רבי נתן האט אים אזוי געשריבן; ער האט געוואוסט אז ער ווערט אלט צוואנציג יאר דעם שבת.

(ר' נחמן: וואו איז דער מכתב?) איך האב אים אויך נישט געזעהן; איך האב געהערט פון רבי אברהם רבי נחמן'ס אז רבי נתן האט אים אזוי געשריבן. [ביי די שבת'דיגע תפילות ווערט ממילא נישט דערמאנט קיין חטאים, נאר אז ער וועט אזוי זאגן תפילות].

❖

## מתוך מיעוט עוונות

(ר' נחמן: ביים "רבון כל העולמים" וואס מען זאגט פרייטאג צונאכטס, זאגט מען דארט "מיעוט עוונות"!) "מתוך מיעוט עוונות" איז דאך אַן ענין פון ממעט זיין עוונות; וואס הייסט בעטן דעם אויבערשטן 'מתוך מיעוט עוונות'? אביסל יא? (אזוי אויך) אז דער רבי זאגט "למעט בכבוד עצמו - ולהרבות בכבוד המקום"[מ]. וואס הייסט למעט? אביסל יא? נאר איך דארף עוסק זיין אין דער זאך פון ממעט זיין. אזוי ווי מען איז עוסק צו מרבה זיין בכבוד המקום - איז דען שייך צו זאגן א גבול אז איך האב שוין

---

שֶׁיִּהְיֶה בּוֹ **שׁוּם עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחֹרָה כְּלָל**, כִּי זֶה עִקַּר קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִשְׂמֹחַ בּוֹ בְּכָל עֹז, כִּי הוּא יוֹם שִׂמְחָה וְחֶדְוָה בְּכָל הָעוֹלָמוֹת!".

[מ] ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות א': "כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּלְהַרְבּוֹת בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם", וכו' עיי"ש.

מרבה געווען? עס האט דאך נישט קיין גבול מרבה צו זיין בכבוד המקום![מא] (אזוי אויך דארף מען) עוסק זיין אין ממעט זיין דער זאך, מאכן וואס ווינציגער און ווינציגער[מב].

געוועינטליך, א מענטש אז ער הויבט אָן, קען ער נאך נישט מיטאמאל, נאר ער דארף עוסק זיין אין דעם ענין פון מיעוט עוונות ביז ער וועט עס אינגאנצן אוועקשטעלן. קומט דאך אויס אז 'מיעוט עוונות' מעג איך יא זאגן שבת, (און מען זאל בעטן איך זאל) עוסק זיין אין דער זאך פון מיעוט עוונות, ממעט זיין פון טראכטן מסחר זאכן, (ממעט זיין פון) טראכטן פון דיבורי חול (וכדו').

(ר' חיים שלמה: נאר תפילות פון שבת?) ער זאל זאגן 'זיינע' תפילות פון שבת (- מליקוטי תפילות), און אז ער וועט זאגן אזוי תפילות - אז ער וועט קומען צו אַן אָרט וואס מען דערמאנט דארטן חטאים, זאל ער דאס נישט זאגן.

❖ ❖ ❖

## מנהגי ניטל

(ר' חיים שלמה: ניטל האט מען געהאלטן ביי אונזערע לייט?) נעכטן ביינאכט איז געווען ניטל, יא? ר' יצחק אייזיק אלבוים האט מיר אנגעקלונגען נעכטן אויף דער נאכט אז עס איז ניטל - וואס זאל ער טוהן? (אמרתי:) לייג זיך שלאפן, דו וועסט אויפשטיין חצות - דעמאלט מעגסטו שוין לערנען.

---

[מא] עי' שיחות הר"ן נ"א: "ולעבוד ה', איני יודע מי הוא שיוכל לומר שיעבוד את ה' לפי גדולת הבורא יתברך, מי שיודע מעט מגדולתו יתברך איני יודע איך יכול לומר שיעבוד אותו יתברך. **ושום מלאך ושרף אינו יכול להתפאר על זאת שיוכל לעבוד אותו יתברך**, רק העיקר הוא הרצון, להיות רצונו חזק ותקיף תמיד להתקרב אליו יתברך!", וכו', עיי"ש.

[מב] עי' ספה"ק "דברי יחזקאל", ושם מבן המחבר הרה"ק מציעשינוב זצ"ל: "'**ומתוך מיעוט עוונות**'. לכאורה קשה למה לא נתפלל שלא נחטא כלל? אמר **מורי הקודש מוהר"ר אשר זלה"ה מראפשיץ** שלנגד בורא כל עולמים אי אפשר שלא יחטא לכן אמר 'ומתוך מיעוט עונות' שבהעדר עונות כלל אי אפשר!".

אונזערע לייט אין אומאן פלעגן טוהן אזוי: מען פלעגט רעדן סיפורים בין מנחה למעריב, און נאך מעריב האט מען זיך געלייגט שלאפן - און חצות. שוין.

(השואל: וואספארא סיפורים?) **סיפורים! גערעדט פונעם רבי'ן!**

(השואל: "סיפורי מעשיות" איז אויך אין דעם כלל?) **מען האט גערעדט סיפורים, מען האט נישט געעפנט קיין ספר - מען עפנט נישט קיין ספר, מען איז געזעצן אזוי און גערעדט - און האלבער נאכט איז שוין** (- חצות).

(ר' חיים שלמה: וועלכע נאכט?) **דעם פיר-און-צוואנציג'סטן** (דצמבר למספרם)**; מען האט זיך געלייגט שלאפן - און אום האלבער נאכט** (איז שוין חצות).

(השואל: וואס האט מען געמאכט נעכטן?) **איך האב גארנישט געוואוסט אינגאנצן אז עס איז ניטל... מען האט געלערנט אזוי ווי אלע אויף דער נאכט.**

(אחד הנוכחים: ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות?) **יא, ביז זעקס אזייגער. זעקס אזייגער איז מען געגאנגען דאווענען מעריב - און שוין; איך האב גארנישט געוואוסט אינגאנצן אז עס איז ניטל.**

אין אוקריינע האט מען דאס גערופן די בלינדע נאכט[מג].

(השואל: ביז ווען איז עס?) **ביז האלבער נאכט - ביז חצות.**

**ביי אונז איז עס נישט געווען אזוי שווער, ווייל** (א' הנוכחים: מען איז געווען געוואוינט אזוי!) **ביי די וועלט איז עס א שווערע זאך, ביי אונז איז עס נישט קיין שווערע זאך.**

---

[מג] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תק"ן; וב'טעם זקנים', קונטרס ע"ח.

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**בקשו רחמים:** לרפואת **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה